# הונדערט פראגען
## אונד
# אנטווארטען

דער צוא געפינען זיך אין דיזעם ביכעל איינגע קליינע זאכען, צום לאכען · דער נייע מארעשע ברית · דער שפאציר גאנג מיט דער ווייב · איין עטוואס איבער דיא געבעט שולען · שפיק און שפיק · מיט דעם העכסטען קריטיק · מיט וויץ און בליק · און דאך אלץ ריכטיג · און וויכטיג · געשטעלט · אום צוא בעסערן דיא וועלט ·

פערפאסט פון א. מ. ד.

# ווילנא


בדפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם מן ראם

שנת תר"ל לפ"ק

100 Фрагенъ ундъ антвортенъ
или 100 вопросовъ и отвѣтовъ

ВИЛЬНА,
Въ типографіи Р. М. Ромма. 1869
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ
подъ №№ 327 и 328.


# הונדערט פראגען אונד אנטווארטען

1) ווער האט בעקומען דעם ערסטען פאס · 2) וועלכער אייזעל איז עס וואס זיין שטימע האבען גיהערט אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט · 3) דורך וועלכען איינציגען מארד שלאג איז ערמארדעט גיווארין אגאנצע פערטיל מענשין פון דער גאנצער וועלט · 4) וועלכענס פאטערס נאמען איז גיענדערט גיווארען פאר דיא גיבורט פון זיינעם צווייטען זון · 5) וועלכע מוטערס ווארין צוא גלייך דיא שוועסטער פון זייערע איינענע קינדער · 6) וואס איז פאר איין דבר מאכל וואס אין אנפאנג איז עס פאראווע · דאס הייסט מען מעג עס עסין מיט מילך אדער מיט פלייש · דער נאך ווערט עס גאר טרייף אויף איין געוויסע צייט · און דער נאך ווערט עס גאר פליישיג · 7) ווער איז דער גרעסטער בטוח אין דער גאנצער וועלט · 8) אין וועלכין מאנהיים שפרעכין די פרויען אם ווייניגסטין · 9) ווארום וואקסט ניט ביא פרויען קיין בארד · 10) ווארום האט אבער קינדער גרויסע פראסטאקעס · 11) פון וואנען איז גידרונגין דאס קורח איז גיוועזן אגרויסער פיקח · 12) פאר וואס האט גאט ניט בעשאפין חוה פאר אדם הראשון · 13) וועלכעס מיידכען דארף קיין חתן · 14) פר וואס דר וואס זיצט לענגער אין אסטראג ווערט ער אלץ מעהר קלענער · 15) ווער זיצט אויף איין לאך און פאלט ניט אריין · 16) וואס זיינען עס פאר אזעלכע שטונדין וואס מען זאל אין זייא ניט טארין עסין מילכיקס · און קיין פליישיקס · 17) וואס איז עס אזו אזאך וואס קומט ארויס פון דער ערד און גייט באלד ווידער צו ריק אריין אין דער ערד · 18) ווער ברענט און בלייבט אליין קאלט · 19) ווארום זאגט מען דאס אהון איז א נאר · 20) ווער גייט אויף זיין קאפ · 21) וואס איז עס פאר אזו אזאך וואס עס קען אן אים ניט אויס קומען קיין דבר שבעולם · 22) ווער קומט אימער צוא פריא · 23) ווער קומט אימער צוא שפעט · 24) ווער גייט אומיקט ·

25) וועלכע משקה איז דיא שטארקסטע · (26 וואו זיינען דא מער
קעניגע אלס בערינטע · 27) אין וועלכע גילעבערטע זאך האלט
זיך אין וואשער · 28) ווארום נייען דיא פלייא שווארץ גיקליידט ·
(29 ווער קומט צום ערשטן אין שול · (30 וויא איז עס גימאלט
דאס דער וואש האט געליינט איין עירובי תחומין ערב שבת מאל
נים מארגען אום שבת נים אטרים אהויש ניין חוץ לעיר אין קיין
זייט · 31) וועלכע מיידיל האט דעם שפיגיל · 32) וויא אזוא קען
מען דער קענען אויף איין שפאציר גאנג וועלכער הער אונ דאמע
זיינען מאן אונ ווייב אונ וועלכע זיינען פרעמדע · 33) ווער בעקומט
שין אין אמקאו בעפאר ער בעט נאך · (34 וויא איז עס געמאלט
דאס דער ערליבסטער מאן זאל זאגן אויף איינעם אנדערן וואס
ער האט אליין געטאן · 35) וועלכער רעגין איז צום טריקענען ·
36) ווארום בעט מען נאר צוא אאיינגיל אויף מזל טוב אונ נים
צוא אמיידעל · 37) ווארום האט גאט ביא דעם איוב אויך זיין
ווייב נים צוא גענומען וויא ער האט ביא אים זיינע קינדער אונ
אלץ צוא גענומען · (38 ווארום מוז מען אגאנץ יאר זאגן קדיש
נאך דיא עלטערין · (39 פאר וואס רופט מען הלוואת המת גמילות
חסדים של אמת · 40) וועלכער איינוואונער איזט מיליאנען מאל
גרעסער פאר דעם הויף אין וועלכעם ער וויינט · 41) וועלכר
מויק שטארבט אין דער זעלביגע רגע וואס ער איז מויק · 42) פיל
ביינגל קען מען אויף עסען אויף דעם ניכטערען הארצין · (43 פון
וואנען איז געדרונגען דאס חוה האט קיין ציינער געהאט · (44 פון
וואנען איז געדרונגען דאס בלעם האט נים אוים גילעבט האלבע
יארין דען אזוא זאגן אויף אים אונזערע חכמים · (45 ווארום
גייען נים דיא ווייבער אין שול שבת צוא נאכט צוא ברכו ·
46) ווארום טרינקען נים דיא ווייבער פון דעם הבדלה כוס ·
(47 וואס איז למעלה מן השכל · (48 ווארום ברויכט מען צוא
האבין אונטער פירער צום חתן אונ כלה · 49) וואס וואקסט אן
וואסער · 50) פון וואנען וואקסט דער שפריכווארט ער בייגט זיך
אין



אין דרייען · 51) ווארום האט נח ארויס געשיקט פון דער תיבה
פריהער דעם עורב אונ דער נאך דיא יונה אונ האט עס נים
געפרובירט מיט איינעם אנדערן פויגעל · (52 וואס האט גאט פריער
בעשאפין ציא דיא הון ציא דיא איי · (53 וויא פיל טעמערס ברויכט
צוא האבין איין פרומער יודע אין זיין שטוב אויב ער וואונט אין
איינער ווייטען שטעפע · 54) מיט וועלכע אויגען זעהעט מען דיא
גאנצע וועלט אויך אין דער פינסטער · 55) וויא מאכען דיא ראשי
תיבות פון דעם ווארט ע"ש ת"ר · 56) ווען עסט ביא אונז יעדען
די ווייב גוט · ווען דער מאן · ווען זייא ביידע גוט · אונ ווען זייא
ביידע קרחות · 57) וועלכע מענשין לעבין נים אם לעבין · 58) אין
וועלכין חודש איז מען מחדש דיא לבנה פאר ראש חודש בענטשין ·
59) וואס איז עס דאס איין צווייא פיסיגער זיצט אויף איין דרייא
פיסיגען · אונ האלט איין איין פוס אונ ווארפט אים אויף איין פיר
פיסיגען · 60) ווער איז דער בעסטער קובער · 61) וועלכער ענין
הייבט זיך אן על פי רוב מיט פריינדליכקייט · אונ לאזט זיך אוים
מיט גרוים קריג · 62) פאר וועלכע נדבה איז אונמעגליך צו בעצאלין
כפל · 63) אלעם אין דער וועלט זאלסט דוא טאן דיך שונא נור
איינעם ניכט · 64) מיט וויפיל פראבין ווערט געפראבט איינע קאסע
בעפאר מען קויפט איר · 65) ווארום קען אמאנספערזאן פיל מער
שווייגען אלס איינע ווייבספערזאן · 66) ווארום נייען די דאמן דיא
קליידער פארבויגין · (67 ווארום קרייט דער האן מיט צוא גימאכטע
אויגין · 68) ווארום שפרעכין אלע דאמען ביא זאמען · 69) ווער
וויינט אייהער מען שלאגט אים אן · (70 ווארום מאכט יעדערער
על פי רוב צוא קינות ביא זיך אין שטוב אמנקי · 71) ווארום האט
זיך גענאנט דער גרעסטער העלד פון דיא חשמונאים יהודה מכבי ·
72) ווארום האבין דיא ערסטע מענשין אזו לאנג גילעבט · (73 אין
דער תורה שטייט מפני שיבה תקום דאס הייסט דוא זאלסט פאר
איינעם גרייזען מאן אויף שטיין · נון פאר וועלכין גרייז דארף מען
נים אויף שטיין · (74 פון וואנען וואקסט דער שפריכווארט לאנגע
האר

האר קורצע שכל · 75) פאר וואש האט נור אהאן אפגלע ווייבער·
76) וואס איז עס פאר אדינגס אדער מאטעריע וואס נייער הייט
אונ גאנצער הייט ליגט עס נור אין אפראסטען אלמער אדער שופלאד
אונ נאך דעם אלם עס ווערט גאנץ צו ריסען אונ צוא פליקט האלט
מען בהאלטען אין איין טייסטר אדר פאלארעס ? 77) וואס איז עס פאר
אזוי אזאך דאס ווען מעקויפט אים אפילו פאר זייגעם געוויינליבען
פרייז קען מען אן אים פערדינען טויזענד מאל מעהר אלס מען
האט פאר אים בעצאלט באם מען פאר שטייט עס גוט אן צוא
ווענדין · 78) אונ ווידער פאר קערט וואס איז דאש אזוי אזאך
דאס מען טוט צוא אים טויזענד מאל מעהר צוא לייגען אלס וויא
פיל ער קאסט באם מען פער ברויכט אים געהעריג · 79) וואס
איז עס פאר אשפייז וואס ווערט געקאכט אן זאלץ ווייל מען קען
עס גיט מאכין געזאלצען מיט גאר דיא זאלץ פון דער גאנצע
וועלט · 80) פון וואגען וואקסט דער שפריכווארט דיא ערסטע
מיידיל ווארפט מען אריין אין פייער · 81) וועלכע מאן אונ ווייב
זייגען בעזאמען נור ביא טאג · 82) וואס איז פאר איין שפייז
וואס ווערט געקאכט צוא זאמען מיט זייגעם פאטרם ברודער
אונ קינד · 83) אימער מאכט דער רייטער איינע לייגגערע
רייזע פאר דעם פערד : וויא אזוי איז עס · 84) וויא איז עס
מעגליך דאס איינער זאל אוים טרינקען איין בעכער ווין ניט
צוא פירענדיג דיא האנד צום מויל אין וועלכע ער האלט אים ·
85) וואס איז עס פאר אזוי אזאך וואס גייט אריין אין איין טיר
אונ ער גייט דורך צוויא טירען · 86) וועלכע פרוכט האט מען
נאך ניט געזעהן בליהענדיק · 87) מיט וועלכעם וואסער קען
מען קיין פייער לעשען · 88) וועלכע מוטער האט קיין מאל קיינע
קינדער · 89) וויא אזו פארשטייט דער ווילדער אמעריקאנער פון
זיינער קאץ ווען עס איז האלבע נאכט · 90) ביי וועלכער פרוכט
געהערט צוא וויסען דער ברכה אויף אים אונ צוא וויסען
דעם איינבייסען אין אים גאנצע זיבען טעג · 91) איך האב
גיזעהען



גיזעהען וויא אפויגעל איז געפליגען אונ אהונט איז גיזעסען אויף
דעם עק · 92) איך גיהער צוא דיא העכסטע שמוציגסטען אין דער
וועלט אונ מען ריינגט מיט מיר די זויבערסטע זאכין · 93) איך
גיהער צוא דיא דומסטין אונ דאך געברויכין מיר דיא קליגסטע ·
94) וואס איז עס פאר איין שילד · וואס אויף אים מאלט זיך אויס
אלע ווילע איין אנדער בילד · דוא אבער ערבליקסט אין אים נור
דיין גיזיכט אונ ווייטער ניכט · 95) איך בין אגאנץ קליינע זאך ·
דער צוא זייער שוואך · אונ דאך היט איך אויך אלע נעהיימניסע אונ
אלע שעצע · אונ ווייזע דער וואס מיך פערלעצע · 96) ווער
וואר דער גרעסטער קויפמאן · 97) ווער גייט אונ שטייט הייגענדיג ·
98) צינעלע מינעלע קאטינקע · שרייב מיר דאס מיט דרייא בוך
שטאבין · 99) איין ריכטיגער בעווייז דאס דיא לבנה איז בעוואונט
מיט מענשין · 100) זאג מיר וואס איז גיפרארין נור אום זומער ·

---

## דא הייבט זיך אן דיא אנטווארטען

1) קין דר זון פון אדם הראשון וואס ער וואר איין ברודער מערדער
אונ דאך שטייט אין דער תורה (וישם ד׳ לקין אות לבלתי הכות
אותו כל מוצאו) דאש הייסט ער האט אים געגעבין איין ארט פאס
דאש נימאנד זאל אים וואס צו לייד טאן · 2) דאס וואר יענער איינציג
וואס וואר ביא דעם נח אין תיבה · דען דאן ווארען אלע מענשען
פון דער גאנצער וועלט נור נח אונ זיין פאמיליע · אונ דיזע ווארען
דאן אלע אין דער תיבה · 3) דורך דעם מארד וואס קין האט
ערמארדעט זיינעם ברודער הבל · דען עס ווארען דאן נור פיר
מענשען · אדם · חוה · קין · הבל · 4) אברהמס · דען פאר
יצחקס געבורט האט ער נור געהייסען „אברם״ · 5) דיא לוטס
טעכטער · 6) דאס איזט איינע איי · וואס מעליגט איר ארונטער
איינער הון דאס עס זאל זיך אויסברייען פון איר אהינדיל · דען
בשעת זיא איזט נאך איינע איי · מעג מען איר עסען מיט מילך
אדער

אדער מיט פליש · דער נאך אלם מעליגט איר אונטער אונטער
דיא הין גערט זיא טריפי · דער נאך אלם זיא ווערט אהן ווערט
זיא פליישיג · 7) דער עסטרייבער קינער ווייל ער האט זיבען
בירגען · דאס הייסט זיבען ערבות · אונד דאס איזט געמיינט ·
עס געהערט צוא אים אזויא א אנד וואס טרופט זיבען בירגען ·
8) אין פעברואר ווייל ער האט אין זיך מער ניט וויא אכט אונ
צוואנציג טעג · 9) ווייל בשעת מען ראזירט זיך דעם בארד טאר
מען ניט ריידען : 10) ווייל ער האט קיין מלמד ניט · 11) ווען ער
וואלט ניט געווען פאר שפיצט וואלט ער ניט אריין אין דער ערה :
12) ווייל זיא וואלט דאך געווען אן אשומר : 13) דיא וואס האט
שין · 14) ווייל אונזערע חכמים זאגען „מרבה ישיבה מרבה חכמה“ :
15) אהונט · 16) ווען מען עסט ערב ראש חודש אב פאר נאכט איין
פליישיגע מאלצייט : 17) וואסר : 18) ניט אפרומר טוביה : 19) ווייל ער
שטעלט זיך נעגען דעם עמוד וואס עס שטייט אויף אים דיא
ווערטער „שויתי ד' לנגדי תמיד“ אונד דער פסוק זאגט דאך „אין
חכמה ואין תבונה לנגד ד'“ 20) דר נאגל אין אבשאץ : 21) אנאמען:
22) דער טויט : 23) דער שכל · דיא פאזארנע ראטע · אונ אפט
אהתן : 24) דער וואס האט פערגעסען צו מאכן אקניפעל אויף
דעם פאדעם : 25) וואסער ווייל נור ער קען אראפ טראגען אבריק
אונד אוישרייסען אמיל · 26) אין דער העברייעשע גראמאטיק ·
דען דארטן איזט דא אין בגינות מעהר מלכים אלס משרתים ··
27) אין אגאמקע אדער שוואם : 28) ווייל זיא טרויערן אום זייער
פאמיליע וואס ווערין אלע טאג ערשלאגען : 29) דער צווייטער ·
30) דער וואס טוט אן איין מלבוש אום שבת פון אזויא איינעם
וואס האט גלייגט איין ערוב אין איין אנדר זייט פון שטאט · ווייל
דער דין איז רגלי הכלים כרגלי הבעלים : 31) דיא העסליכע ·
32) קוקט אריין דער העער דיא דאמע אין הוט אריין איז זיא געווים
איינע פרעמדע · נייט ער אבער לעבען איר פערטראכט אונד
שארט מיט זיינעם שמאק אין דיא זאמד איז זיא שוין געווים זיין

פרויא



פרויא · 33) דער ארעם מאן ; 34) ווער עם לייגט זיין סדור בשעת
דווינים אויף דעם איינגעבויגענעם הוקען איינעם אנדערען :
35) דיא זאמד וואס רינט אונה רענענט פון וועטהעל : 36) ווייל
דארטען גייט מען אליין : 37) ווייל ער האט געוואלט אים
לכוף אלין דאפעל אפגעבען : 38) זאמיט דיא יורשים זאלען ניט
ווינצען דעם טויט פון זייערע דייבע אונד אלטע עלטערען :
39) ווייל דער בת ווען שוין ניט קענען קיין רעה אפ טאן :
40) דער מאנד פאה דעם רינג וואס איז אין איינער וואלקענדיקע
נאכט ארום אים אונ וואס מען רופט אים הויף · 41) דער בליץ ·
42) נור איינעם : 43) ווייל זיא האט געהייסען איהן זון קין ·
44) ווייל דיא אייזעלין האט צוא אים געזאגט · איך בין דאך
דיין אייזיל וואס דוא האסט געריטען אויף מיך פון דיינער קינד
הייט אן אונ איינע אייזעלין לעבט קאם דרייסיג יאר אונד בלעם
איז דאך אין דיזער געשיכטע נישטארבין · 45) ווייל וויא נור דער
חזן זאגט דעם וואכעדיקען ברכו נייען ארוים ביי דיא מאנעם
לייט דיא נשמות יתירות וואס זיינען דא ביי דיא מאנעם לייט
איבער שבת נון וואלטען ביי דיא ווייבער וואס האבען קיינע
נשמות יתירות ארוים דיא וואכענדיקע נשמות וואלטען זייא
בלייבען גאר טויטע בעשעפענעם : 46) ווייל צוא הבדלה ווערט
צובראכט דיא זעלביגע צערעמאני וויא צו די קדושין אונטער דיא
חופה · דען עס ווערט אן גיצונדין דערי ביי איינע הבדלה אונ
מען מאכט א ברכה איבער א כוס אונ הבדלה איז דאך באמת איין
הפך פון קדושין : דען קדושין איז נאה צוא פאר איינינגן · אונ
הבדלה איז צום שיידען · דאהער טרינקען ניט מאן אונ ווייב פון
דיזעם כוס אויף אפולע וואך אונ בפרט דאס נאך אונזערע חכמים
זאגען · דאס עס שטייט ניט כי טוב ביי דער בריאה פון דעם
צווייטען טאג ווייל עס שטייט דער ביי ויהי מבדיל בין מים למים
איז עם אין ענין פון מחלוקת אונ וואו עס איז דא איין מחלוקת
דאס הייסט איינע צוא טיילונג אפילו לתיקונו של עולם איז שוין

דער

דער בייא ניט דא קיין כי טוב אונ בייא דעם ענין פון זווג שטייט דאך „מצא אשה מצא טוב" 47) איין יארמעלקע : 48) ווייל אונזערע חכמים זאגן „ברוך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו" דס הייסט מען פירט דעם מענשען אין דעם וועג אין וועלכן ער וויל גיין : 49) פראצענט : 50) ווייל עס זיינען דא אין דער וועלט דרייא זאכן ווען זייא ביינן זיך איז עס איין סימן ענוות : איין שטוב וואס בייגט זיך : דען דאס איז איין בעוויז דאס דער בעל הבית האט ניט מיט וואש צוא ראפערידין איר : דיא פיפע בראנפין בייא דעם ישובניק ווען זיא שטייט שוין איין געבויגין איז איין באווייז דאס דער ישובניק האט ניט מיט וואס צוא דער גיסן איר : אונ איין טאכטער אמאד וואס איז שוין אזוי הויך אויס געוואקסין דאס זיא דארף זיך שוין איינבייגין בשעת די עלטערין דארפין איר בענצין : איזט איין באווייז דאס זיי האבין ניט מיט וואס איר חתונה צוא מאכין : נון זעה אלע דרייערלייא בייגונגן פאר איינגין זיך אין איינער ווירטשאפט אונ עס אם שלימסטען : דען דאס הייסט דארט איז מען געבייגט אין דרייען : 51) ווייל נח האט דאך אריין גינומען פון דיא אומרייניגע עופות נור צוא איין פאר דאהער האט ער ניט געוואלט צוא שלאגין אזיווג, דען עס וואלט דאך דורך דעם גיפעלט איין מין אין דער וועלט דער עורב אבער זאגין אונזערע חכמים דאס ער וואר איינר פון די דריי ברואים וואס האבין זיך מזווג גיוועהן אין דער תיבה (העורב · הכלב · וחם) : נון וואר דארט שוין מער וויא אפאר : אונ דער נאך האט ער ארויס גישיקט דיא יונה ווייל זיא איז דיא איינציגע אונטער דיא עופות וואס האט אין זיך דיא שפאסאבנאסט צוא געדיינקען דעם ארט פון וואנען זיא פליהעט אוועק אום צוא קומען צוא אים צוריק : אונ דאהער האט מען איר נאך מיט אפאר הונדערט יאר צוא ריק נאך געברויכט פאר איינע בריף טרעגערין *) 52) געווים דיא הון דען וואלט ער

בעשאפען

*) אלס דיא גרויסע שטאט אנטווערפין וואש איז אין נידערלאנד וואר בעלאגערט פון דיא שפאניער האבין די איינוואוינער קיין אנדערע קאמוניקאציאן געהאט מיט דיא איבעריגע שטעט פון נידערלאנד נור וויא דורך דיא טויבען



בעשאפין פריהער דיא איי וואלט חוה געמאכט דער ווילע פון איר לאקסען אויף שבת ניט אזויא אבער דיא הון דען עס וואר דאן פערבאטין נאך פלייש צוא עסען : 53) הרייצען איין סילבערקין איין פלייסיקין : איין פארינוען : איין טרייפין : אזעלכע פיר פסחדיקע דען אטרייפער מעסער אחמצדיקער מאר ניט געברויכט ווערין אום פסח זעלבסט אליכם איבער צו שניידען : הייגט דרייא ערלייא חלפים : איין עופות חלף : איין דקה חלף : איין גסה חלף : איין מוהל מעסער : אונ ווידער איין פען מעסעריל : 54) מיט דען הינער אויגין וואש מען האט אויף דיא פיס : 55) עינים : שנים : ידים : רגלים : דאש הייסט ווער עס האט אלע דיזע אברים געזונטע דער איז רייך : 56) דיא ווייב עסט נוס בשעת זיא ליגט אין קינפעט : ער בשעת ער זיצט אין סוכה : ביידע : בשעת זייא דיינען בייא איינעם אנדערען אויף אשמתה : ביידע עסען קדחות : בשעת עס איז בייא זייא אליין אשמתה : 57) מאן אונ ווייב וואס זיינן ניט בייא זאמען : 58) אין תשרי : 59) דאש איז אשוסטער וואש זיצט אויף זיין דרייפיסיגן ביינקלע אונ האלט איין שטיבל אויף געצויגין אויף איין פראווידלע אונ ווארפט אים אויף איין הונט : 60) דר גומר אפעטים : 61) איינע הלואה : 62) איינע תורה וואש מען גנבעט ארויש פון איינעם אנדערינש ספר אונ מען זאגט עש פאר איינע אייגענע : 63) אונ דאש איז דוא זאלשט אים קיין שידוך מבלה מאכין דען דוא טוישט אים פיליבט דאמיט דיא גרעשטע גיפעליקייט אין דער וועלט : 64) מיט דריי : פריהער פראבירט מען צו הערין איר קלאנג מיט דעם וואש מען גיט איר איין קלאפ אן ראד פון וואגין : דער נאך פון דעם וואש מען גיט אויף איר אנשרייא קאמא

דער

דען זייא פליעגין דורך זייא אבשיקן בריף אונ אזויא אויך בעקומען צוא ריק בריף : אונ נאך עד היום שטייען איבעריגע פון זייא דארט אין ראטהויז אייגע באלזאמירט „לזכרון עולם" : דאס זייא וואראן אמאל דיערע פעלד יעגער אונ קוריערין :

דער נאך פראבירט מען איהר גאנווענען: 65) ווייל ער האט זיך איינגעווינט אין שווייגן פון ששת ימי בראשית, אן דען ביז עס איז בעשאפען געווארין חוה וואר ער אליין אונד האט ניט געהאט מיט וועמען אווארט אויש צוא רײדין: 66) דאמיט זייא זאלען וויסין וואס זייא האלטען ווייל זייא האבין איינם קורצין זכרון: 67) אום צוא וויזין דאש ער קען אויש ווייניג: 68) ווייל זיי ווייסין דאש עס איז ניט דא פון דער אנדערע וואש צוא הערין: 69) איין עמער: 70) ווייל איינע פלייא ווייגען בילכער: 71) ווייל דאש מאכט כי במוך באלים ה' אונ דיזען פסוק פלעגט דיזער העלה אימער צוא זאגען אין זיינע גרויסע שלאכטען: 72) ווייל עס ווארען נאך דאן קיינע ערצטע: 73) פאר אנגרייז וואס אפראסטאק זאגט: 74) מען ברויכט צוא זאגין לאנג אהר דען אזוי הייסט דער אייזיל ווענין זיין לאנגעם אויער אונ האט דער בייא איין גאנץ קורצען שכל: 75) ווייל דאש רוב העגעה ווערין אויש געקוילט: נון בלייבין צעהען הינער אויף איין האן: 76) דאש איז פאפיר געלט: 77) דאש איז איין פלאש טינט: 78) דאש איז איין אבטעל ציבעלע: 79) גאנצע אייער: 80) מאדעל ברויכט מען צוא זאגין האש הייסט יעדע ערשטע פארמע: 81) אפאר העקלאך: 82) דאש איז פיש מיט וואשער וואש דאש איז זיין פאטער: מיט זאלץ וואש דאש איז זיין ברודער: מיט זיין פעט וואש דאש איז זיין קינד*): 83) ווייל דער רייטער איז העכער פאר דעם פערד נון מאכט ער איינע גרעסערע קרייז ליניע איבער דעם שטיקלאנד וואש ער רייטעט אלס דאש פערד: 84) מיט דער אנדערע האנט: 85) דאס איז האלק אין אויזען: דען דיא אש זיינע גייט ארויש דורך דיא טיריל פון אויוען אונ דער רויך דורך דעם קוימען: 86) נים: 87) מיט דעם וואשער פון דימענט: 88) דיא מוטערקע דאש איז דער שרייפיל אויף דעם שרויף דען דאש ווירד אנגערופין מוטער: 89) פון

איר

*) מועד קטן (דף י"א) כוורא מויה באחוה אכוקיה באבוה ומיבליה בבריה כו'.



איר אויג אפפעל דען זוי עס ווערט נור נאכט הייבט אן איר שווארצאפעל זיך פערגרעשערן ביז האלבע נאכט דען דאן ווירד איר אויג דורך אויש שווארץ: אונ דער נאך הייבט עס זיך אן צוא פערקלענערין אונ צוא קליין בעגינען ווידר עס ווידער קליין ווייא פאר נאכט: 90) בייא דעם אתרוג דען דיא שוואנגערע פרויען בייסען אום איין ערסט אום הושענא רבה: 91) דאש זיינען צווייא זאכין: איין הענט אונ זיך גיוועשין אויף זיין עק: אונ איין פייגיל איז זיך געפלויגין הינטער: 92) דאש איז אבארשט פון חזיר האר: 93) דאש איז איין שרייב פעדער וואש ווערט ארויש געפליקט פון איינער גאנז: 94) דאש איז דאש שווארצאפיל פון אויג: 95) דאש איז איך התימה פון טריפוואקס: 96) דאש וואר נאפאליאן דער ערשטער דען זיין נידערלאגע (מפלה) האט פערנומען פון מאסקעווע ביז טייצלאנד: 97) דאש איז איין ווינעריל: 98) דאש איז געמיינט נור דאש ווארט די"א ס': 99) דען בעת מען איז מחדש דיא לבנה: אונ מען קוקט זיך גוט איין: זעהט מען איין מענשין גיזיצט אין דער לבנה: 100) מאראזענע:

## דער ברית

דא ניט לאנג וואר איך בייא איין געווימען בעקאנטין אויף אברית: דיזער מאן וואר גאנץ רייך אונ אויך אמענש וואס האט שוין גיהערט מעהר צוא דער נייען וועלט אלס צוא דער אלטען וועלט: דאס הייסט אזו איינער וואס האט שוין זיינע קינדער גילאזט בילדען: אונ האט דאך צום ברית מער ניט גיגעבין דיא פיש אונ בלינצעס: „ניין מיין ליבער הער": האב איך צוא אים גיזאגט: „מיר האבין אונז גערינט דאס איר זאלט אונז געבין פיל בעסערע אונ מעהרערע געריכטן אלס פיש אונ בלינצעש: מיר האבין גימיינט דאס איר וועט אונז געבין גינוג בראטין, גינוג טארטין אונ ווייגען, קאמפאטען אונ צוקער גיבעקין: א ווינדיגס ניט האט ער זיך צוא

מיר

מיר אף גירופען · פרימערע אונ רייכערע אלש איך מאכען היינטיגע
צייטען קיינע בעסערע בריתן אלס דיזר בריתל איזט · א ניין · האב
איך אים געענטפערט איר דארפט זיך צוא יענע קלאסע מענשען
ניט גלייבען · דען איר זייט איין אנדער קלאס מענש · אונ אום
געבין אייך דיזע מיינונג מיינע רעכט צו פערשטיין · וועלכע איך
אייך דער ציילין איין קליין געשיכטיל ·

אין איינער געוויסען שטאט וואר איין געוויסער מענש וואש
וואר אגרויסער שווינדלער · נון האט זיך געמאכט אמאל דאס ער
האט פערדינט אויף איין קלאפּ אקערבלאך צעהן טויזנד · אונ איז
געווארין אנגיד פון דרייסיג טויזנד קערבלאך דאש הייסט ער
האט זיך אנגעהייבין צוא פירען וויא אגרויסער גביר-אונ אן הייבע
שאצערש האט ניט געפעלט · דיזע פוסטע גאוה אבער האט
אים איין געוויסער נכבד געלאזט פילען אויף איין זייער איידלען
ארט ביא איינער גוטען געלעגענהייט וואש האט זיך באלד איין
געטראפען אונ דאש וואר ביא איינער קאלעקטע (נדבות קלייבין)
וואש דיזער נכבד האט געמאכט מיט נאך איינעם איבער דער
שטאט וועגין איין געוויסען יורד אונ עס וואר אלם זיי זיינען געקומען צו
דיזען אויף גקומנם נגיד בעטען ביי אים אנדבה האט ער זיי ניט געוואלט
געבען ביז זיי האבן אים גמוזט וויזן וואש אנדערע נגידים האבן געגעבן אונ
האט זיי געוואלט געבין מער ניט וואש איין געוויסר נגיד ר' זלמן אשכנזי
האט גגעבן דר נכבד אבר האט עש ניט גענומען אונ האט צו אים גזאגט
איר קענט אייך ניט גלייכין צוא דעם אשכנזי דען ער איז איין
שטאלנער נגיד אונ מיר בעקומען ביא אים נדבות שוין מעהר
אלס צוואנציג יאר אונ וועלין אלזוי ביא אים בעקומען נדבות
אויך ווייטער · איר אבער זייט איין אויף געקומענער נגיד אונ
זייגען אלזוי אין · אייער נגידות ניט זיכער נון קען זייער לייכט
געמאלט זיין דאש אויף איבער איאר וועט איר שוין ניט האבען



לבּםט ביא אייערן בעסטען ווילען צוא געבען אונז אנדבה
ילו אקליינע · דאהער איז דאש רעכט דאש איהר זאלט אונז
צונה געבען איינע גאנץ גרויסע נדבה וואש זאל שוין זיין
נוג אויך פאר דיא שפעטערע צייטען ·

דיזער פאל איז אויך מיין הער מיט אייער ברית · דען ווען
ש ווערט געבארען אאינגעל ביא איינעם וואש איז נאך פון דער
טען וועלט · האט מען ביא אים אברית · דער נאך אבר מצוה'
פעטער אהנאים · באלד נאך דעם אחתונה · אונ זייער אפט אויך
ך אסיום אויף אמסכת · ווערט אבער געבארין אאינגעל ביא
ן איינעם וויא איר וואש ניהערט שוין מער צוא דער נייען וועלט
ש צוא דער אלטען וועלט · זיינען מיר מער ניט זיכער וויא מיט
ן ברית אליין · דען אין זיין עלפטין יאר גייט ער שוין אריין אין
אם אונ ווערט שוין אלזוי גאר ניט בר מצוה · אונ דער נאך
רט ער אוועק אין איין אינווערזעטעט · שטודירט אויס אונ האט
ל פי רוב דער נאך גאר ניט התונה · אונ ווען יוא · איז עס אין
נהיים · אונטער וועגענס אויף אפאצט · אדער גאר מיט איינער
ייסטין · דאהער איז דאס רעכט דאש איר זאלט אונז ביי זיינעם
דית פאר · אקעם פאר גיטען · אונ פשיטא שוין פאר זיינע סיומם ·
ען פאר געוויש וועט ער קיין מאל קיין מסכת מסיים זיין ווייל ער
עט גאר ניט אנהייבין צוא לערנען גמרא · דיזע רייד מיינע האט
יען הערין זייער געווירט · האט געשיקט נאך וויין אונ נאך
ארט אונ האט דער ביא געשווארין דאש אויב ער וועט נור
כה זיין אים מגדל צו זיין אונד איר וועט לעבין ווערדע איך אייך
אדען צו זיין בר מצוה · צוא זיינע סיומם אונ צוא זיין התונה ·

איין עטוואס איבער דאס שפאצירען זיין מיט דער ווייב ·

שלמה המלך זאגט אין זיין קהלת · מה שהיה הוא שיהיה
מה שנעשה הוא שיעשה ואין כל חדש תחת השמש · דאש הייסט
אם עש וואר אמאל דאש וועד זיין · אונ וואש געשעהען איז
ון

פון לאנג אן דאס ווירד ווידער געשעהען · אונ קיין נייעס איז נ
דא אונטער דער זון · אונ אונזערע חכמים ערקלערין דיזען מאמ
מיט זייער פיל שיינע ביי שפילן מיט וועלכע זייא ווייזין אויף דא
קיינע עכטע נייאיקייטין איז ניט דא אויף דער וועלט · אונ וואס
אינו רוכם זיך דאס איז יוא אנייעס וואר עס דאך שוין אמא
אין דיא ערשטע יארין · נון דארפען מיר שוין אויך פר קיין נייע
האלטען דאס אונזערע נייע וועלט גייען מיט זייערע פרויען
שפאצירען געארעמט אונ פער פלאכטען מיט איהרע הענד איינע
אין דעם אנדערין דאס זייא זעהען אויס ווי איין קערפער מי
צוויא קעפ אונ פיר פים · דען אזוי וואר'ען אויך נאך דיא רע
פון אונזערע חכמים דאס דיא ערסטע צוויא מענשין אדם אונ חוה
ווארען צוא זאמען געוואקסען איינע קורצע צייט · אונ קערין נאך
דער ביוא וועלכער פון זייא ביידען איז געגאנגען פאר אוים · עס
לאזט זיך אבער דער ביוא פרעגין ווארום ווארען זייא אין אנפאנ
צוא זאמען געוואקסען אונ נאכהער ביז אונזערע צייטען ווארען זיי
בעטיילט אונ געשידען · דיזע פראגע האט מיך אציים יארין דעמ
קאפ ווארעם געמאכט ביז דא ניט לאנג האט מיר עס מיינעו
אבעקאנטער זייער גוט פאר ענטפערט אונ ווערדע דיר מיינע לעזער
זיין אנטווארט מיט טיילען · דען ער איז העכסט וויצינ אונ ניצינ :

דיזער בעקאנטער מיינער איז נאך קען מען זאגען איין
יונגער מאן · איין האלבער נאלאטאן · האט איינע שיינע ציכטיגע
פרויא אונ גיהערט אלזוי מעהר צוא דעה נייען וועלט אלס צו דער
אלטען אונ דאך פלעג איך אנטרעפין אימר דאס ער גייט שפאציר
נור אליין דאס הייסט אן זיינע פרויא אונ האב אים אזוא צוא
איינער געלעגענע צייט געפרעגט דאריבער אונ דיזער האט מיר דיזע
פראגע בעאנטווארטעט זייער פיל ווייטיג אונ קרעפטיג :

ערסטענס האט ער זיך אפגערופין · דאס דאס רוב וואס גייע
מיט איהרע פרויען שפאצירין זייגען אייפערזיכטיגע לייטע · דאס
הייסט ענטוועדער ער איז אייפערזיכטיג אויף איר אונ וויל איר

נים



נים לאזען אליין צוא הויז אדער זיא איזט אייפערזיכטיג אויף אים
אונ וויל אים ניט לאזען גיין אליין שפאצירען · אונ דיזער פאל וואר
וויא אונזערע חכמים זאגין אויך · ביא אונזער מוטער חוה *)
צווייטענס דער וואס גייט מיט זיינער פרויא שפאצירען דארף ער
ווייזען פאר דער וועלט ווייניגסטענס דאס ער האט ניט קיין הסח
הדעת פון איר דאס הייסט דאס זיין געדאנקען איז פארנומען נור
מיט איר · ער מוז איר אריין קוקין טיף אין הוט · אונ ניט אפ
שטעלין זיך ריידין מיט איינעם אנדערין · אונ פשיטא שוין ניט
מיט איינער אנדערין · זאנסט איז עס פאר דער פרוי איינע גרויסע
בעליידיגונג · דען דאס וועט הייסען פון מאן איינע קאלטע
גלייכגילטיקייט · אונ עס פרשטייט זיך שוין פון זיך זעלבסט דאס עס
ווירד זיך שוין אזוי איין גראביאן גאר ניט געפינען וואס זאל זיך
אונטער שטיין מפסיק צוא זיין אויף איין מינוט · אונ בפרט אזוא
איינער וואס פירט זיין דאמע שפאצירען · דען ער קען האבען אזוי
אסוף וויא יענער וואס האט אמאל אפ געהאלטין ר' שמעון גוט
יום טוב ביטער אויף זיינעם גאנג צוא איינעם ברית · נון קען אזוא
איינער וויא איך פאר גיין אויף אזוי אריינע פון לאנג ווייטע דען
איך האב ליב צוא ריידען אונ זיך אפ צוא שטעלין מיט יעדען
בעקאנטין וואס איך נור בעגעגין · דיזער פאל אבער וואר נאך ניט
ביא אדם הראשון אין דיא ערשטע צייטין דען עס וואר נאך ניט
וועמען צו בעגעגנען אויף דעם שפאצירגאנג דאהער האט אים ניט אוים
געמאכט ווען ער וואר מיט זיינער פרוי דאן צוא זאמען געוואקסין
אונ דאהער וויא עס איז געווארין מער מענשין האט ער אויך אן
געגעבען איין ביטשריפט דאס מען זאל אים פון איר טרענען דרייטענס
ליגט צוא גרונד אין מיין גיין אליין נאך איינע אורזאכע וואס דאס
וואר אויך פעהלט דיא וואהרע אורזאכע וואס האט אדם הראשון
געצוואונגען זיך לאזען אפ שיידען פון זיינער פרויא · נור דיזעם

בית מוז

*) מדרש רבה בראשית פרשה י"ט ר' שמלאי אמר בישוב הדעת באת עליו
אמרה לו מה אתה סבור חוה אחרת נברא לך או שמא אתה יושב לך בטל כמו
(פי' בטל בלא אשה) ; רבנן אמרי התחילה מיללת עליו בקולה וכו' :

מוז פאר שטאנען ווערין דורך אקליינעם פאבעל (משל) וואס איך ווערדע איצונד דער צייליז ·

מיט איאר הונדערט צוא ריק אלס דיא גוטע אונ בייזע גייסטער האבין זיך נאך איין געקוואטירט אין דיא מענשליכע וואוינונגען · האט זיך איין עקוואטירט ביא איינעם נעוויסען גביר איין געוויסער גייסט וואס האט זיך געלאזט זעהען אלע מאל דארט פון אונטערין אויווען אין דער גייסטער שטונדע דאש הייסט פון עלפין ביז צוועלפין מיט איינעם בלייכען אונ מאגערין געזיכט ווא איינער וואש האט ניט פאר אונז געדאכט איינען פערדארבענען אונ דער צוא נאך איינען גאנץ הונגעריגען מאגען · אונ וואר געקליידעט אין קורצליכע אונ איינגע קליידער וואס וואר אמאל נעמאכט פון טייערין שטאף עפעס וויא איין איבער גיוואקסענער אייהעם אין זיינע קינדערשע חתונה קליידער · אונ פלעגט דער צו אריין צוא קוקין אין שטוב מיט איינעם ניט פערגינענדען בליק וויא איינער וואס וואר געקרייגקט מיט דעם אנדערענס גליק · אונ זינר דיזער גייסט האט זיך אנגעהייבין צוא ווייזין דארט אין הויז האט אנגעהייבין צוא גיין דארט אלץ פערקערט אונ ניט וויא עס גיהערט · דאש וואר צוא בראכין ; דאס צוא שטאכין · מען האט אונגיהערט צוא פערדינען · צו געווינען · עס איז אריין מאהל אין דיא טייערע פעלצין · אונ דער גאנצער פערמעגין האט אויך אן געהייבין צוא שמעלצין · וויא דער שניי אויף איין בארג אין ווינטער · אונ וויא דאן די איז דינגדע אויף דער סאסנע · אונ אויך דיא קליינע מיידלאך · האט אנגעהייבען צוא ווערין קורץ דיא קליידלאך · דען זייא האבין אן גיהייבען צוא וואקסען אונ זיך צוא הייבען · וויא איין פעטער רעציסניק אויף גוטע הויזען · דאס מען האט זיך שוין ניט גיקענט אפ ווערין פון שדכנים · אונ דיש גלייכען פון בתנים · קורץ עס האט אן גיהייבען צוא גיין אזוא ניט גוט · דאש דער גביר האט פערלארען אין גאנצען דעם מוט · דען





ער איז דער גאנגען דאס דיזער גייסט וואש זיך ביי אים אין שטוב בעווייזט · איזט עס דער לייב האפטער דלות אליין · נון וואר דארט זייער פיל געהייבערט · געשפראכין · מיט קויל פינגערן געצייכענט אויף דיא ווענט · אונ געשפונגען אויף די ליכט וואש דארט ברענט · אין דיא פינגער געהויבט · אונ נאך אזעלכע סגולות געברויכט · עש האט אבער אלץ ניט געהאלפען · דען דער דלות חאצבי צוא רייס זיך · ער וויל ניט אפ טרעטין · אונ וואש אטאג מער האט ער זיך אן געהייבען דארט אלץ מעהר צוא ווייזען · דען ער האט אן געהייבין זיך צוא לאזען זעהען אויך ביא טאג · דאש עש וואר שוין ניט צום אויש האלטין · נון האט זיך געפונען איינע אלטע פרויא וואש וואר אגרויסע זנאבערקע אין אזעלכע זאכען · אונ געזאגט דאש עש איז אום זאנסט דיא ארבייט מען וועט פון דיזעם בחור ניט לויז ווערין וואו מען זאל ניט ארויש פארין פון דיזער שטאט שטילער הייט אונ אים לאזין דארט אין זיין ווינקיל · אונד מען זאל זיך בעעצין אין איינער אנדער ארט · דיזע עצה איזט העכסט גיפעלין דעם גביר אונ מען האט בין מנחה למעריב געבראכט אפאר בריקעס אונ מען האט זיך אנגעהייבען צוא פאקען · צום אומגליק אבער האבין דיא מיידלאך וואש זייא האבין געמיינט דאש מען פאקט זיך דאש צוא פארען אויף אחתונה שוין דען געכטען וואר"ען אהאלב טוצענד שדכנים ביי זיי האבין אן גיהייבין איבער צוא חזרין זייערע מענץ אין דעם נרוישען זאל · זייא האבען אבער נאך ניט גיענדעט דעם ערשטען קאנטערדאנס · ברוך הבא דר דלות איזט ארוים פון אונטער דעם אויווען אונ האט אן גיהייבין מיט צוא טאנצען · דען ער האט געזאגט דאס ער וועט מיט פארין · נון פר שטייט זיך שוין פון זעלבסט · דאש לויט דיזר בייזע נאכריכט איזט מען שוין גיבליבין אויף דעם זעלבין ארט · אונ מען האט אן געהייבין זיך אוים צוא פאקין · ווייל דיא גאנצע נסיעה האט געזאלט גישעהן נור אום צוא לויז צוא ווערין פון אים · נון ווען ער וויל שוין מיט פארין איז דאך אום זאנסט דיא גאנצע מיהע ·



[illegible]

דאש וועלבע פאסירט אויך על פי רוב מיט דיזעם מאן וואס
געמט מיט זיך זיינע פרויא צום שפאצירען ׃ דען ער שלעפט מיט
זיך דיא דאגה פון וועלכע ער וויל זיך גראדע אויף זיין שפאציר
גאנג פערגעסען ׃ שוין מעהר אלס צעהען יאהר דאש איך בין זיך
דורך געגאנגען מיט מיינער ווייב׳ איינע ווירארמט׳ אונ היטע מיך
פון יענער צייט אן דיזע דומהייט ווידער צוא מאן ׃ קוים בין איך
ארויש מיט איר פון שטאט אויף דעם פרייען פעלד האט זיא אן
געהייבין מיט איהרע דורך דרינגענדע ווייבר בליקען צו בעטראכטען
מיינע קליידער אונ האט געפונען אין יעדער זאך בעזונדערע פאר
וואש מיך פאר צוא האלטין אונ צוא ווייזען מיר דאש איך בין גאר
קיין מענטש ׃ דאש האט זיא אויש גישפעהעט אפלעק אונ דאש
האט זיא הער ווישט דאש עש פעלט אקנעפעל ׃ דא איז אנוואלד
ריס ׃ אונ דארט איז אויש געבערענט אלעכיל פון אציגארע ׃ אונ אזו
האט זיא איינגעזעהען דאש איינע קלאמע פון דיא הויזען איז
לייענגער פאר די אנדערע ׃ אונ דאש איין אבשאץ איז אויש גיקרימט
אונ דער אנדערער איז אויש גידרייט׳ אויך איז איר ניט גיפעלין דער
צוא שניט פון מיינע האר ׃ אונ וואר אלזוא גענאנט פון איר
שלימעזאלניק׳ קלויזנער׳ ארעם בחור׳ מלמד׳ טראנטע׳ שמוץ׳
אונ מיט נאך אזעלכע צוקער זיסע מיטולען ביז זיא האט מסיים
גיוועזען מיט דעם געוואונליכען שימפף ווארט ׃ „זשוליק" קוים האט
זיך דיזער שטורעם איינגעשטילט ׃ האט זיך אן גיהייבין איינע נייע
קאטעגאריע ׃ זיא האט דער זעהען דאש דיא גערטנער זעהען אויס
זייער שלעכט ׃ האט זיא אן גיהייבען צוא בעוויינען מיך דאס דיא
פערזארגונג פון קעלער דיזעם יאר וועט בודאי קאסטין
צווייא מאל אזוא פיל וויא פאר איארין ׃ אונ פון
דיזער דאגה איז זיא ארויף געקומען אויף נאך אדאגה ׃ אונ דאש
איז ווענין מיין רבקה וואש וואר דאן צעהן יאר אלט ׃ דאש ביי
לייטען הייבט מען שוין אן אפ צוא לייגין פאר אזו אמידעל ׃ אונד
בייא



בייא אונז איזט נאך גאר קיין פאדעם דא פאר איר ׃ אונד אלס
מיר זיינען געקומען לעבין איין אויש געהאקטען וואלד איזט געוואורין
איין אנדער „יעלה" אחורבן איזט מיר ניט גישעהען ׃ האט זיא
אוים גישריען עס קען דאך ווערין אזוא אין עטליכע צעהענדליג
יאהרען אויש געצערבעט אלע וועלדער ׃ וואש זיינען דא ארום יהועלין
מיר דאך פון קעלט פאר ניין ׃ נון בין איך קיין בעל הבית דאס איך
האב ניט האלץ אין זאפאס ׃ דאך דיזעש אלעש האב איך גאך אלץ
גיקענט דולדען אונ פארטראגין ׃ דען איך האב עס בעשטימטעלט
מיט דעם נאמען ווירטשאפטליך ׃ אונ ווען אויך ניט אויף דעם
שפאציר גאנג איז צייט אונ ארט צו פריידיגען דער פון ׃ דען וויא
דיא נאטור האלט ניט אפ איר כח הצומח (וואקסטום) זעלבסט אין
דיא ערטער וואש איהרע געוואקסע קענען נאר ניכט געדייהען
אונ ניט נוצען וויא למשל זיא לאזט שפראצען גראז צווישין דיא
ברוק שטיינער פון דיא לאזעס ׃ אזו ווילען דיא ווירטשאפטליכע
פרויען בריכען אונ אנווענדין זייער אקאנאמיע זעלבסט אין אזעלכע
ערטער אונ ביי אזעלכע געלעגענהייטען וואס זיא שיקט זיך גאר
ניט ׃ אונ האב דאהער איהרע אלע ביז הערינגע רייד געדולט ביז
זיא האט ארויש געטראטין צור טהאט דאש הייסט בפועל ׃ דען
נאך אפאר שטונדען גאנג זיינען מיר ארין גיגאנגען אין אקליינעם
טראקטירעל אום זיך אויס צו רוהען אונ איין עטוואס צו ערפרישין ׃
פאר געווים וואר זיא פיל מעהר ערמידעט אלס איך אונ וואלט
העכסט גערין גיזעהן איין עטוואס צוא געניסען ׃ עס איז דאך אבער
שאדען דער גראשען ׃ נון וואר זיא איינע היפשע ווייל מיט זיך
אליין אין צאנק צוא זאל זיא דא וואש נעמען ׃ אונ דאש ענדע וואר
דאש זיא האט גיפרעגט וואש קאסט אטאפ מילך ׃ אונ דאן אלס זי
האט גיהערט דאש קאשט צוואנציג קאפייקען האט זיא געהייסען
זיך געבין אנגעזויל מילך אונ האט בעצאלט דרייא גראשען ׃ אונ
איך האב דער ווייל געהייסען אבקאכין אצעהענדליג אייער ׃ דער
לאנגען שנאפס ׃ אקווארט ביר מיט בייגעלאך אונ קעז ׃ קוים האט
עס

עס מיינע פרויא דער זעהען האט זיא מיך באלד געפרעגט ווער
ווערט עס בעצאלען · עס פערשטייט זיך האב איך איר געענטפערט
„מהסתם וועל איך בעצאלען" · דוא לאכסט · האט זיא זיך אפ
געריפען : שטייט אזו א מעשה דארף דאך קאסטען געווים פינף אונ
צוואנציג קאפייקען אונ וואו וועט זיינען מיר פון דער היים · איך
האב דארט קעז אונ פוטער אונ ביבעק · איך עס (מיין פרויא) ווען
מיר ווילט זיך נור · האב איך איר געענטפערט · נו ווער צאנק
איבער צאנק אונ עס איז אזוא ווייט געקומען דאש זיא האט מיר
צוא געהאלטען דיא הענט דאש איך זאל ניט בעצאלען · דא האב
איך איר געזאגט איצונד איזט מיר שוין רעכט געווארען ווארום אדם
הראשון האט זיך געלאזט אפ זונדערען אונד אפ שניידען פון זיינער
פרויא חוה · דען פאר געווים וואר דארט אויך אזוי א מעשה · אלס
ער איזט אריין בעגאנגען אין א שיינק מאכען א שנאפס אדער צוא
קויפען פאר אגראשען טאבאק האט זיא אים ניט געלאזען אריין
שטעקען דיא האנט אין קעסטעלע צוא בעצאלען · אונד האב
אלזוי אויך זיך גענומען דאס איך זאל שוין קיין מאל ניין מיט מיינער
פרויא שפאציהרען .

איינע קריטיק איבער דיא ליידיגקייט פון דיא גרויסע
שולען אין ליטא אונד אין רייסין.

עס איזט צוא בעדויערען דאש צייט פון איאר דרייסיג אדער
פערציג זיינען די גרויסע שולען פון אונזערע קהילות גאנץ פוסט אונד
ליידיג דאס. מען מוז דינגען צעהן מענשן (עשרה בטלנים) אום צו
האבין דארט א מנין אונד ווען איינער פון דיא פעלט מוז מען אריין
שלעפען איינעם פון גאס׳ דיא סבה איזט דער פון ערסטענס ווייל
אביא ווער מאכט ביא זיך א מנין אין שטוב אונד צווייטענס ווייל
יעדער וואס איזט נור א שטיקעל יודע ספר ווערט אין בית המדרשניק
דאס הייסט איין קלויזנער אונד אזו איינער שעמט זיך שוין אריין
צוא גיין דאווענען אין א גרויסע שול וויא איין פארנעמער מאן שעמט
זיך



זיך להבדיל אריין צו גיין אין איין פראסטען שיינק · נון אום צוא
בעווייזען רעכט דייטליך וויא אומגערעכט עס זייגען דיזע ביידע
אונזיטען (מדות רעות) מוז איך דא דער ציילען וואס איין געוויסער
רייזענדער פון פראנקרייך שרייבט איבער דעם אין זיין רייזע
בעשרייבונג וואס ער האט געמאכט איבער דיזע צוויא לענדער ·

„דיא שולען פון דיא ליטהויעשע אונד רייסישע קהילות„
שרייבט ער דארט זיינען געבוים זייער גרויס אונד זייער מאסיף
(שטארק) אונד דער גרעסטער טייל אויך מיט געשמאק · זיינען אבער
איבער ליידיג אונד פוסט · אונד דער קנאפער מנין מענשען וואס
געפינט זיך אין זייא צום דאווענען הין אין דער וואכען אונד הין אין
שבת זיינען פון דער גאנץ נידעריגסטע אונ ארעמסטע קלאסע
מענשען · אונ פערלירען זיך אין זייא אזו ווייט דאש עס דוכט זיך
דעם פרעמדין בעזוכער דאש עס דאווענט דארט נור דער חזן
אליין · אונ דאש האט מיך געקרייגקט אזוא ווייט דאש איך האב
זייא איין מאל ביא איינער גוטע געלעגענהייט · דאס הייסט זייענדיק
אין ליגאווע אויף איינער גרויסע שמחה אויף וועלכע עס ווארען
דארט דיא פארנעמסטע לייט פון שטאדט האב איך זייא דאס
זייער דערב (הארט) אוים גערעט אונד האב זייא דאס געלאזט
רעכט פילען דורך א שיין משל .

עס איזט אמאל איין געוויסער בויער אוועק געפארען מיט
זיינער גאנצען פאמיליע אויף א ווייטע האבצייט דאס צוא הויז איזט
מער ניט געבליבען וויא דער הונט אונ דער האן · דער הונט האט
זיך געלייגט לעבען דער טיר אונד האט געבילען · אונ דער האן
איזט זיך געזעצען אויף זיין שערעלע אונד האט געקריים „ווארום
קרייעסט דוא ?" האט אים דער הונט געפרעגט „אונד ווארום בילסט
דוא" האט אים אפ געפרעגט דער האן „אום צוא פערטרייבען די
דיבע (גנבים)" האט ער אים געענטפערט „דו אבר ווייסט דאך דאס
ניטאנד איזט צוא הויז וואס זאל ברויכען צו ווייסען זייא פריא עס
איזט

איזט אין דער נאכט נוא צוא וואס זאלסט דוא רייסען אומזאנסט
דיין קעלי', „נוא זאג מיך" האט זיך אפ גערופען דער האן „פון
וואנען ביזט דוא געבארען, „איך" האט זיך אפ גערופען דער הונט
בין אהינגער פון אבות אבותי: אונד בין ניט איין טריט ארויס
פון דיזעם דארף: נון ווען אזוי האט אים דער האן גיענטפערט
האב איך זיך שוין אין גאנצעם וועלט פיל מעהר ארום געזעהען
אלס דו: איך בין געבאהרען אין א דארף וואס איזט פון דאנען אמייל
צעהען ניט ווייט פון א קליין שטעטעל וואס דיא דארטיגע יודען
זיינען איינקויפער פון אייער אונד פון עופות: אונד האבען אלזוי
פאר איין געוויסען יום טוב וואס מען רופט אים יום כפור אויס
געקויפט אלע אונזערע דארטיגע ברידער אונד שוועסטער האבין
אונז אהיין געזעצט אין א גרויסען שטייג אונד האבין אונז
טראנספארטירט אין א גרויסע אידעשע קהילה אונד האבין אונז
פארקויפט זייער גיך דען פאר דיזעם יום כפור ברויכט יעדע פרויא
צוא האבין איינע הון אונד יעדער מאנספערשוין איינען האן אויף
כפרות: אונד ווייל איך בין איין ווייכער האן האט מיך געקויפט
איינער דער פרומסטער יודען אונד איזט מיט מיר געלאפין זייער
האסטיג מהסתם צום שוחט שוין: צום גליק איזט אים אויסגעקומען
זיין וועג פאר ביי דיא גרויסע שול אונד האט זיך דארט אריין
געכאפט אין פאלעם צוא הערען א קדושה עס וואר דארט זייער
איינג דאס איך בין שיר מיט אים צו זאמען דער שטיקט געווארען
אונד עס וואר דארט אזויא אשטויסעריי דאס מיין פרומער מאן
האט מיך איינגעלאזען איך וואר נאך ניט געבונדען אונד האב
אלזויא אנגעהייבען צוא פליהען דארט איבער דיא קעפ אונד בין
אלזוי ניט ווילענדיק אריין געפלויגען אין דער שול זעלבסט דען
איך האב פאר דער שול מעהר כח געהאט אלס פאר דעם פאלום
דען איך האב געמיינט ווען אין פאלום איזט אזויא איינג דא מוז
דאך שוין אין דער שול זיין גאר א דערשטיקעניש אונד אויש געלאזען
האט זיך גאר פערקערט אין שול וואר ניט איין נפש אונד עס וואר
דארט



דארט פינסטער וויא אין איין אויג אונד בין מיר ארויף געפלויגען
אויף דעם אלמעמער אונד האב מיך דארט בעהאלטען צווישען
דיא געזימסען אונד האב מיר דארט איבער נאכטעט אין פרידען
נון פעסט שטייט זיך דאס מיינע שטערע האט שוין געשמעקט איין
אנדערער האן פערטראטען ביי מיינעם קויפער אונד איך האב דארט
פאר לעבט שיינע עטליכע וואכען ביז איך האב געהאט איינע גוטע
געלעגענהייט ארויס צוא פליהען פון דארט דורך איינע אויס
געבראכענע שויב: איך האב מיך גענערט דארט פון די ברעקלעך
חלה וואס איך פלעג אויף קלייבין צווישען דיא קינדערשע ביינק
אונד טרינקען וואסער וואש ווייבן אין דיא בלעכאנקעס וואס זיינען
אנגישלאגין דארט אויף די שטעט אום צו וואסען אלעווייליע די הענט
נון האב איך דארט געזעהען אין דיזען גאנצען משך דאס איינער
שטייט אויף דארט אויף איין שטעדעלע (אלמעמער) אונד קרייעט
(דאס איזט גענייגט דער בעל קורא) עטליבע מאל אין וואך ווערענד
(בשעת) עס איזט דארט קיין נפש דא.

איינע צווייטע אונד בעסערע געלעגענהייט האב איך געהאט
עס אויס צוא ליידען אלס איך בין אין אתענית צוא מנחה אריין
געשלעפט געווארען מיט געוואלד צוא איין ציגארען מאכער אום צוג
דאווענען דארט מנחה בצבור דען עס וואר דארט אמנין עס וואר
דארט געדאווענט אונד געמאהערט צוא זאמען דען עס וואר דער
ווילע פערקויפט ציגארען אונד טאבאק עס האט מיך דאס זייער
געקרייגקט אונד האב דעם עולם דארט אויש גערעט ווארום זייא
גייען ניט בעסער אין שול דאווענען אונד אלס זייא האבין מיר
געמאכט זייער פיל איינווענדונגען דאס אין שטוב איזט פיל בעסער
פאר זייא אלס אין שול צוא דאווענען האב איך זייא געפרעגט ווערט
איר ווערען ליידען דאס אין אייער נאכטקאן זאל מען אייך אויף
טראגען שפייזע צום טיש? אונד אלס זייא האבען מיר דיזע פראגע
מיט איינעם שטארקען ניין בעאנטווארטעט האבען האב איך זייא
ווייטער

וויטער געפרעגט ווארום זאלט איר מיט אייער נאמ זיך בעגיין מיט פיל ווייניגער אבטונג (אוואזענע) אלס מיט אייך זעלבסט דען אויף דעם זעלבען טיש אויף וועלכען איר שפילט אין קארטען דען נעכטען האב איך דא געקויפט ציגארען אונד האב אייך דערהוישט דער ביי ביי דעם זעלבען טיש ביי וועלכען איר פלוידערט אוים מיט אייערע ארבייטם מיידעלען אלע נבלות: לייגט איר ארויף דען ספר תורה אום צוא לייענען, אונד מישט נאך דער צוא בשעת דאוונען גישעפט זאכען: ניין מיינע הערען אין אונזערע לענדער ווירד עש קיינער טאן, ביי אונז ווער עש מיינט נור מיט נאמ גוט, דער אבט אים ניכט אפ צוא זיך: דער קומט צוא אים אין היזע, דאש הייסט אין שול. איך האב זיא מיט מיינע רייד צוואר בעשעמט, דאך אבער ווייש איך דאש דאש וועט בלייבען וויא פריהער ווייל דיזע מענשין ווילן נימ דאווענען נור אפ דאוונען: דאש הייסט איין חוב פאטערין, אונ אחוב פאטערט מען מיט נור וואש.

## דער מגיד אונד דיא קיסלער:

איין געוויסער מגיד איין אומציגלער דאס הייסט אזוא אמין מגיד וואס איזט קיין אוראנדאווער דרשן נור איין טאנדעמנער רייזליבער געוואנט אזוא אמגיד וואס איזט ניט בעזעצט אין אגעווישע שטאדט אונד איזט דארט איין דאצנער מוכיח נור אזוא איינער וואס פארט אום אונד ציהעט איבער דער וועלט אונד גיט אוים זיינע דרשעס אויף העקער (אחרים) וויא עס מאכט זיך אמאל אהספעדער אונד אמאל אדרוש צוא אסיום תורה אונד אמאל צוא אחנוכת הבית אמאל פארט ער זיך אונטער אונד אמאל גייט ער זיך אונטער צוא פוס איז ער זייענדיג אונטער וועגעם צוא פוס געבליבען האלטען שבת אויף דעם וועג דרייא מייל פון אגרויסע שטאדט ער איזט געבליבען ביי אישובניק אקרעצמער וואס וואר זייער רייך.



רייך אבער זייער גראב אגרויסער פראסטאק אום ארוים צוא נעמען אים אלע ציינער, אונד צום אונגליק וואר דארט לבד אים קיין אנדערער מיט וועמען אוואורט אויש צוא ריידען אונד דאס האט אים (דעם מגיד) זייער לייד געטאן דאס ער זאל דארפען פערברייגען אזוא איין הייליגען טאג אין דער געזעלשאפט פון אזוא אוויסטען מענשען.

אין דעם וויא ער איזט אזוא מלא צער וועגען דעם האט ער דער זעהען דורך דעם פענשטער וויא עס פארט אבריקע מיט פינף יונגע לייט אונד טרייבען דיא פערד גאר אן רחמנות קוים האט זיא דער מגיד דער זעהען האט ער זיך ארויש געהאפט צו זיי האט זיי גיגעבין אברייטען גוט נאהענט אונד האט ביי זייא געפרעגט וואו מיינען זייא אן צוא ציהען אויף שבת: מיר מיינען אויף שבת אין שטאדט צוא זיין האט אים איינער פון זייא געענטפערט ניין מיינע ברידער דאס זאלט איר אייך ניט איין שמועסען איך בין דא דיא וועג פיל קלערער אלס איר ער איז זעמדיג בערגיג שטיינג אונד ניט מיט אייערע אפ געמאטערטע פערד וועט איר אהין פאספייען נון וועט אייך אויש קומען געווים צו האלטען שבת אין איין ארעמענקע קרעצמע איזט דאך שוין אייך פיל גלייכער אפ צוא שטעלען זיך דא ביי איינעם רייכען קרעצמער איר וועט האבען איין אוים געצייכענטען שבת אונד מיר וועט אויך זיין פריילעכער איך וועל האבען מיט וועמען צוא פערברייגגן. איר האט רעכט האבען זיא אים געענטפערט אונד האבען זיך אפ געשטעלט דארט שבת אונד דאס האט דעם מגיד זייער געפרייט דען ער האט דער וויסט אונטער זייא אפאר שיינע יונגע לייט אונד האט מיט זייא צוא געבראכט דעם פרייטאג צוא נאכט זייער פערגעניגט ער האט זיך אוים געבעטען מיט זייא אין כמה תורה זאכען אונד האט זיך געלייגט מיט דער גליקליכע האפענונג דאס ער זאל דעם מארגענדיקען טאג נאך פיל בעסער פערלעבין

פערלעבן אלס די נאכטדאך ליידער מיר מענשען בכלל פערעבענען אונז זייער אפט אונד אזוא וואר אונזער פרומער מגיד אויך קיין יוצא מהכלל דען אוועק גייענדיק פון טיש אום צוא שלאפען אויף פרישע היא אין אהדרענע האט דער מגיד אוועק געווארפען פינף ערליכע יונגע שיינע לייט אונ אויף שטייענדיק האט ער דה נאוסט פינף יונגע קיסלער ליגען אויף דער ערד געבונדען אונד דאס זייען זעלביגע געכטיגע אורחים · דער בעל הבית האט זיא דער שפירט דאס זיא האבין שוין אהלבע שטוב זייגע אוים גערוימט אין זייער בריקע אונד וואורען שוין ברעה געווען איין צוא שפאנען דיא פערד נון האט ער געמאכט אלארעם זייגע אויף געלאפען פילע בוזערען מיט דעם קלוצוואים אונד· מען האט זיא אלעמען צוא בונדען אונד דאס האט דעם מגיד זייער געקריינקט אונד האט זיך אלזוא געפונען אין זיינער רעכטען שטעלע איצונד אום צו זאגען תוכחה פאר זיא.

עס טוט מיר לייד אום אייך האט ער צוא זיא געזאגט דאס אזעלכע יונגע לייט וויא איר וואס אטייל פון אייך טויגען פאר מלמדים אטייל פאר סוחרים זאלען זיך אריין לאזען אין גנבות אונד גייט אלזוי גנען גאס אונד לייטען · „אונד ווער איזט ליבער רבי קיין גנב האט זיך איינער פון זיא צוא אים אפ גערופען · יעדר סוחר יעדער קרעמער יעדער נאמן אזוא נאר אונד פשיטא שוין איין קהלשער · מענש אמלמד אפילו אונד וויא מיר דוכט אפילו אמגיד איז אויך אגנב דען ער גאנוועט תורה פון פרעמדע ספרים אונד גיט זיא אוים פאר זייגע · נון מאכט איר עס פערשטעלט דאס הייסט איר שעמט אייך גור פאר לייטען אבער ניט פאר גאט האלט איר דעם כבוד פון מענשען טייער פאר דעם כבוד פון גאט אונד מיר זיינען נאך פרימער פאר אייך דען ביא אונז שטייט זייערע ביידענס כבוד גאנץ גלייך נון זייען מיר שוין פיל ערליכער אלס איר ליבער רבי · צווייטענס

פאר



פאר אונזערע אגנבה קען מען בעצאלען כפל : איר פאר אייער גנבה וועט קיין מאל ניט קענען כפל בעצאלען היינט זאגט וואס ווילט איר פון אונז האבען דיא גאנצע וועלט זייען מער ניט וויא פערשטעלטע גנבים אונד ווייטער ניט.

איר האט רעכט האט זיא דער מגיד געענטפערט דאך אריין צו לאזין זיך אין אזו אפרנסה וואס מען זאל ווערין באלד דער פאר געשמיסען אונד געבונדען ; דאס איז דאס ערגסטע אין דער וועלט בעהיט אונז גאט דער פון איך העטע עס שוין גלאט חוץ יראת שמים אויך ניט ווערין טאן פאר אמיליאן · גאט זיא דאנק · וואס מען שטייט אפטר דער פאר האט זיך דער גנב אפגערופין זאגט וואלטען עס דיא גרעסטע לייט גיטאן · אונ מיר וואס מיר קענען ניט אדמאנעווען וויא איר וואלטען פון הונגער גישטארבען :

דיזע געשיכטע האט דער מגיד דער ציילט אין אדרשה אלס ער איז נתקבל גיווארן פאר אמגיד אין אגרויסע שטאט אלס מוסר צוא ווייזען וויא יעדערער איז עובר אויף דעם לאו פון לא תגנוב · נאר מען טוט עס בצנעה :

ווידער איינע ערציילונג פון דיזעם מגיד

דיזער מגיד וואס ער איז גיווארין מיט דער צייט איין וועלט בערימטער מוכיח האט אמאל אויף דער רייזע זייגע אן גיטראפין אין איינער אכסניא איונגען מאן וואס האט גאר ניט גיהאלטין פון אידעשקייט אונ האט זיך ניט גישעמט זעלבסט פאר דעם מגיד אין דיא אויגין צו עסען אן גיוואשן פארען דאוונען פוטער קובען מיט בראטען · נון פאר שטייט זיך דאס דער מגיד האט אים ניט גישוויגען אונ האט אים זייער שטארק מאיים גיווען דאס ער זאל עס ווייטער ניט טאן אונ האט אים דער ביי אויש גירעכענט וויא פיל עבירות ער האט דא איצונד עובר גיווען אונ וויא פיל ערליא עונשים ער וועט דער פאר האבין :

עס

(367-ע) פיגל מישהלדק און מגלית

עס קען זיין רבי האט אים דער יונגער מאן געענטפערט איך גלויב אייך דאס איך וועל דארט אויס געפליקט ווערין · דאך אבער האב איך אויך מיין רעכענונג ביי א מיר אונד אויב אייער כבוד וועט וועלין מיר אויס הערין וועט איר אליין זאגין דאס איך בין גירעכט · איך בין ניט פאר אייך גיזאכט אראפ פון אידישקייט איבער אקלאין געשיכטע וואס מיינע עלטערין האבין מיר דער ציילט וואס וואר אין זייערע צייטען מיט אישובניק אויגגען מאן וואס האט געוואונט לעבין ווייא בשעת דיא מדינה האט נאך געדיפצעט אונטער דעם יאך פון פוילין · וואס האבין בעהאנדעלט דיא פויערין פיל שלימער אלס אבהמה אונ דיא יודען נאך ערגער וויא אהונד פלעגין אים צוא ווארפען כלומרשט אשטיקיל ברויט אבער נאך יעדען ביטען פלעגין זייא אים טראקטירן מיט דעם שמאק נאר אן ערבארעם · איין געוויסער פוילעשער מאגנאט האבין זייא מיר דער ציילט פלעגט זיך גרויס פערגעניגען צו האבין צו שמייסין אאנדרין · אונ פלעגט דיזען פערגעניגען זייער לייכט בעקומען צו געניסין · דער האט גיהאט אונטער זיך זייער פיל אידעשע ראנדארעס · אונ עלילות (בלבולים) פאר וואס צו שמייסען האט זיך שוין גימאכט אלע ווייל איינע פון דיא הויפט פריצעפקעס וואר אקליינער פונקט · אין זיינע קאנטראקטען וואס ער פלעגט דיא ישובים ארויס צו געבין דאס זייא זאלין האלטין אין דיא קרעצמעס אלץ וואס אמויל קען דיידין · נון פאר שטייט זיך שוין ממילא דאס בשעת ער פלעגט בעקומען אפעטיט צוא שמייסען אידין פלעגט ער זיך פארין ארום דיא ישובים אונ פלעגט דווקא פרעגען אזעלכע זאכען וואס אישובניק דארף עס ניט האלטען אונ האט טאקע ניט גיהאלטען אונ מער וויא דאס האט דער פריץ ניט גימיינט אונ פלעגט אריין שמייסען זייער געשמאק · נון איז גיבליבין ביי דיא ישובים דאס דיא אלע זאכען וואס ער האט גיפרעגט ביי זיינעם ארום פארין

איבער



איבער דיא קרעצמעס מיט אחודש פריער זאלין זייא עס האלטען אן גיגרייט פאר אים אלס ער וועט פארין נאך אמאל אונ ווידער זייא זאלין שיקין איינם דעם אנדערין אן זאגין רייטענדיק וואס פאר זאכען ער פרעגט ביי דיא ערשטע ישובים · דאמיט דיא אנדערע זאלען פאשפייען עס אן צוא גרייטען :

דיזע מיטלען האבין אבער גאנץ ווייניג גיהאלפין · דען ווען ער האט גיפרעגט למשל שאמפאנסקי יעסט · אונ מען האט געענטפערט יעסט · האט ער באלד גיפרעגט צי סאמערנע יעסט אונ סאמערנע איזט דאך בודאי ניט גיוועזן האט ער אריין גיהאקט · נון האט זיך גימאכט דאס עס האט אן גינומען ביי אים אקרעצמע איינער ישובניק · אונ דיזע האט זיך מישב גיוועזן איין מאל פאר אלע מאל צו מאכען פון דיזער זאך איין ענדע · ווען אלס דער פריץ איז גיקומען נאך אגרויסע שמייסעריי צו אים אין קרעצמע אונ האט אן גיהייבין צו פרעגין כסדר וואדקע יעסט · פיווא יעסט · בראנפע יעסט · אונ דער ישובניק האט אים גיענטפערט ניעמא קשאנדזע · איזט ער גיווארין אויף גיצונדין אונ האט אים גיפרעגט וויא אזוי קיין בראנפען אויך ניט אונ אז איך וועל האבין בראנפען וועסט דוא דען מיר ניט שמייסען האט אים דער יונגער מאן גיענטפערט כל זמן איך קען ניט האבין אין מיין קרעצמע כל דבר שבעולם בין איך אין געפאהר גישמיסען צו ווערין פון דיר · נון הייסט עס דוא ווילסט שמייסען · פרעג ניט אונ שמייס · אונ מיר וועט שוין מיין קאפ ניט דרייען אויף שאמפאניער אויף סאמערנע אונד דאס גלייבען :

דער סוף וואר דער פון דאס דער פריץ האט אויפגיהערט צו שמייסען אונ זייא ישובים האבין אויפגיהערט צו דרייען זיך ארום טויזענדע איינציגע פאקופקעס :

דער זעלבע פאל רבי איז מיט מיר אויך ווען איך וועל מיך

מיך פון אלע דיזע זאכען שון; אפ היטען וועל איך דען ניט געשמישען ווערען פאר וואש איך היט ניט שמורה: חדש: פאר וואש איך לערען ניט קבלה: פאר וואש איך דיכט ניט אפ חצות. אונ נאך מיליאנען זאכען: נוא זאל זיך מיר חאצבי איצונד דיא קאפ ניט קרוצען:

ניין מיין קינד האט אים דער מגיד געענטפערט: דוא האשט דיא מעשה ניט אין גאנצען אויש געהערט. איך גדיינק איך: דען וויא דאר ביימי ניט וויזט פון מיר דיזער מאנאם האט דעם ישובניק ארויש געטריבען פון קרעטשמע. דער פאר אונ האט פאר לארין אנגעלדענעם ארט: אונ דאש זעלבע וועט זיין מיט דיר אונ בענוג געווען: דער צוא דארפשט דוא הערשין דאש אונזערע חכמים זאגען (אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו) דאש הייסט גאט זוכט ניט קיין בלבולים אויף דעם מענטשען: אונ פירט זיך ניט מיט זייגע בהואים וויא איין פויערישער מאנאם.

---